לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק



# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

**גליון 06 | פרשת במדבר תשע"ט | שבועות**


# לערנען מיט אפּעטיט

ארויסגענומען פון: שילוח הקן ה"ד

**פון וואנעט קומט צו געוויסע מענטשן זייער אומגעדולדיגקייט צו לערנען? וויאזוי אויך זוכה זיין ליב צו האבן די תורה? וואס איז דער באדייט פון תורת ה' "תמימה"?**

מיר לעבן היינט אין א דור, וואס מיט א אויבערפלעכליכע בליק - איז עס פול מיט תורה. וואו מען גייט נאר, שטויסט מען זיך אן אין מודעות פון אזויפיל סארטן שיעורים און מסגרת'ן. רוב קרייזן פארמאגן שוין היינט צוטאגס א באזונדערע סדר צו ענדיגן ש"ס, שו"ע, א.ד.ג., ברוך-השם 'אכשר דרא'! אין פאקט אבער, קען מען צומאל טרעפן א בחור אדער אינגערמאן, זיך ארויסכאפן מיט די ווערטער: "איך האב פיינט צו לערנען"!

אפילו צווישן די וואס האבן נישט ממש פיינט די תורה, שפירט אבער נישט יעדער עפעס אזא צוגעבינדנקייט צו איר. אז מען וועט אנכאפן א איד אויפן גאס און אים פרעגן: זאגט נאר - ר' איד, איר האט ליב צו לערנען? אוודאי וועט זיין ערשטע רעאקציע זיין: "א שאלה? זיכער! תורה איז דאך די בעסטע סחורה!", וואס דען דארף ער ענטפערן?! אבער טיף אין זיין הארץ קען זיך שפירן אזא באהאלטענע געפיל וואס וואלט געזאגט: "איך האב נישט עכט קיין נערוון צו לערנען!", נאר ער ציטערט דאס ארויסצוזאגן מיטן מויל.

> **דורכדעם וועט זיך עפענען אונזער אינערליכע נאטורליכע אפעטיט און געשמאק וואס מיר פארמאגן, צו די הייליגע תורה הקדושה!**

למעשה, ווען מיר קוקן אריין אינעווייניג אין די תורה, זעען מיר נישט וואס איז דא נישט ליב צו האבן. מער ווייניגער שטייט נישט דארט קיין אומפארשטענדליכע לאנגווייליגע זאכן. יעדנפאלס, שטייט נאך דארט אזעלכע אינטערסאנטע זאכן - נישט ווייניגער ווי אלע אנדערע אינהאלטסלאזע מאגאזינען און ביכער מיט וואס די וועלט מאנגלט נישט ליידער. איז פון וואנעט גנב'עט זיך אריין אזעלכע פרעמדע מחשבות אין די קאפ פון א איד?

עס איז נישט פארהאן קיין שום פארשטענדליכע סיבה פארוואס א אידישע נשמה זאל נישט וועלן נאכלויפן שטענדיג די תורה הקדושה, און עפענען א חומש, נ"ך, מדרש, משניות, גמרא, שולחן ערוך, חסידיש ספר, א.א.וו. און שלינגען 'בלאט נאך בלאט', 'פרק נאך פרק'! פארוואס זאלן מיר נישט ליב האבן צו לערנען און הארעווען אויף זיי אין יעדע פרייע מינוט?!... מען קען גארנישט דערלייגן דערפון! נישט נאר מען דערלייגט נישט, נאר מען פארדינט נאך אפילו עולם-הבא אויף דעם!... (שי' הר"ן י"ז).

נו, וואס איז טאקע די אורזאך פארוואס דער מענטש האט נישט חשק צו לערנען? דער אמת איז, עס פעלט נישט קיין סיבות, עס איז דא א לאנגע ליסטע. פאלגענד לייגן מיר אייך פאָר בלויז א קליינער טייל דערפון: דער 'יצר הרע', 'סטרא אחרא', 'שטן', 'מלאך-המוות', 'קליפות', 'סטרא-דמותא', 'רוח-הטומאה'! די ליסטע ציט זיך ווייטער...

די שאלה איז נאר, וואס איז די טאקטיק פון אט דער 'יצר הרע', 'סטרא אחרא', 'שטן', 'מלאך-המוות', 'קליפות', 'סטרא-דמותא', 'רוח-הטומאה'? וויאזוי באווייזט ער דאס דאזיגע; צו נעמען א בחור אדער אינגערמאן און אים דערביטערן און פיינט מאכן דאס לערנען?

דער תשובה דערויף איז: איינע פון זיינע הויפט טאקטיקן, איז צו פארפלאנטערן די גראָדער צוגאנג צום לערנען און איר פארוואנדלען אלץ א שווערער לאסט. אזוי איז ער גורם אויף א געוואלד מיט מענטשן, און צומאל אויך אונז צווישן זיי, אויפצוהערן לערנען אינגאנצן, אדער האלבוועגס, אדער א דריטל! איז נאר געבליבן פאר אונז צו דערגיין וואס איז אט דער מיסטעריעזער טאקטיק זיינער...

איינע פון די הויפט פונקטן וואס דער רבי האט געוואלט איינפירן און אריינברענגען צווישן זיינע תלמידים איז געווען, אז א מענטש זאל זיך איינגעוואוינען צו לערנען שנעל אָן זיך צופיל פארזוימען. ווען א מענטש לערנט אויף דעם סארט אופן - זאגט דער רבי - דאן האלט זיך די תורה מער דויערהאפטיג אין אים. אחוץ דעם, וועט ער אויך קענען אינאיינוועגס אניאגן דורכצולערנען אסאך גמרא, פוסקים, תנ"ך, מדרשים, זוהר, קבלה, און אלע אנדערע הייליגע ספרים... (שיחות הר"ן, ע"ו).

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### שבועות

### *לפומיה דעבידתא עבידן מטללתא*

*(שיר אקדמות)*

**לפומיה דעבידתא** - היינו **כפי עבודת האדם בפיו** בתפילה והתבודדות, **עבידן מטללתא** - כן יהיה שכרו לעולם הבא: *(מפי אנ"ש)*

### *נוהגין לאכול מאכלי חלב בשבועות* (רמ"א)

מה שאנו אוכלין בשבועות חלב ואח"כ בשר, להורות שאנו צריכין לידע שכל עבודתנו בזה העולם שהוא כלל קבלת התורה - כלול משנַים: דהיינו מצד אחד צריכין לידע שיש לנו 'בחירה' לבחור בטוב או להיפך ח"ו (הנקרא "איתערותא דלתתא"), וזה מרומז **בבשר**, כי הבשר אינו ניתר אלא ע"י שחיטה שנעשית על-ידינו. ולעומת זאת צריכין לידע מצד שני, שהכל נעשה מן השמים על-ידי השי"ת, ואין אנחנו יכולים לעשות כלום זולתו, שזהו ענין ה'ידיעה', (הנקרא "איתערותא דלעילא"), אשר זה מרומז **בחָלב**, כי החלב מתבררת מאליה ע"י השי"ת לבד בלי שנתקן אותה מקודם. ע"כ אנו אוכלים אותם בשבועות ע"י רווח והרחקה ביניהם כדין, שזה מרמז שאנו מאמינים שבעצם שניהם אמת ויציב - אע"פ שאין אנו מבינים איך הם תואמים 'יחדיו', אשר בזאת האמונה תלוי כלל קבלת התורה!

*(ליקוטי הלכות סימני בהמה וחיה טהורה ה"ד)*

### *באשר תמותי אמות* (רות א', י"ז)

פירשו רז"ל (יבמות מ"ז) שנעמי אמרה לרות: ארבע מיתות נמסרו לבי"ד, כאומר; אולי לא תוכלי לעמוד בנסיון ותעבורי ח"ו על ד' מיתות בי"ד. וע"ז השיבה לה, באשר תמותי אמות. לכאורה קשה, כי רות הצדיקת בוודאי קיבלה על עצמה להתגייר על מנת שלא לעבור ח"ו שום עבירה קלה, מכ"ש עבירות של ד' מיתות בי"ד ח"ו, וא"כ היתה לה להשיב לנעמי, שבוודאי לא אבוא לידי כך?! אך רות הצדיקת אע"פ שבוודאי היתה במחשבתה כן, אעפ"כ השיבה בתמימות צדקתה: **"באשר תמותי אמות"**; שאני מוכן לקבל עלי קדושת ישראל, יעבור עלי מה, באופן שאפילו לו יצוייר שהבעל דבר יתגבר עלי להחטיאני ח"ו, עם כל זה עדיין אני חפץ בקדושת ישראל, יהיה איך שיהיה!

*(שילוח הקן ה"ה)*


## קול משיב לשואל

שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א

**718.362.8870**

יעדנפאלס - ערקלערט דער הייליגער רבי - איז די עצה גאר נוצליך, וויבאלד אזוי פארשטייט דער מענטש שפעטער בעסער דאס לערנען ווי ווען ער וואלט געבליבן שטיין אויף יעדע שוועריקייט, וואס ווי באקאנט צומישט דאס גאר שטארק די לערנען. דער רבי האט דאן אויסגעפירט: "**וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל־יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם! וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם!**"... איר הערט ווערטער? "אסאך מענטשן האבן גענצליך אויפגעהערט צו לערנען דורכ'ן צופיל מדקדק זיין! און זיי זענען געבליבן מיט גארנישט"...

דעריבער! ווען מיר וועלן זיך אריינעמען אין קאפ, אז מיר **מעגן** און עס איז **ערלויבט** און אפילו **ראטזאם** צו עפענען א שו"ע אדער גמרא און אנדערע ספרים, און אנהייבן דורכצוגיין בלאט נאך בלאט, געשיקט, אָן צופיל מדקדק זיין ("אָן צו שלעפן און פעניען" - בעסער געזאגט) - וועט זיך עפענען אונזער אינערליכע נאטורליכע אפעטיט און געשמאק וואס מיר פארמאגן, צו די הייליגע תורה הקדושה!

אגב: מיר קומען נישט דא רעדן פון די שיטה פון 'זאָגן אָן פארשטיין' - ניין! אויף דעם דרוקט זיך שוין 'הרה"ק רבי אברהם ב"ר נחמן' אויס: "שלא נקרא בשם לימוד כלל!" (בביאור הליקוטים, בהקדמה לספרו).

אונזער ציל איז, צו עפענען די אפעטיט צו שלינגען מיט דארשט איין בלאט נאכן צווייטן, א שורה נאך א שורה, איין מסכתא נאכן צווייטן, פשוט בזריזות אָן זיך האלטן און איין אפשטעלן, און אזוי איבערגיין די גאנצע תורה נאכאמאל און נאכאמאל, מיט א אמת'דיגע גרעניצלאזער ליבשאפט צו די תורה הקדושה.

אלזא, לאמיר קומען צום אויספיר: אפילו אויב איר פלאנט נישט אויסצואוואקסן דער גרויסער מורה הוראה, זענט איר נאכאלץ בארעכטיגט דורכצואַקערן ד' חלקי שו"ע; און אפילו אויב פלאנט איר נישט אין דער צוקונפט אויסצושטייגן דער גרויסער ישיבה'ישער גאון, זענט איר נאכאלץ העפליך איינגעלײדנט דורכלערנען ש"ס ופוסקים; און אפילו אויב איר פלאנט נישט צו ווערן קיין מקובל אדער משפיע, מעגט איר נאכאלץ נישטערן אין די הייליגע ווערטער פון זוה"ק און כתבי אר"י און אין חסידישע ספרים!

צום שלוס: דוד המלך ע"ה, לויבט אויס די הייליגע תורה אין תהלים: "תורת ה' **תמימה**" - די תורה פונעם אייבערשטן איז **גאנץ!** לכאורה, וואספארא לויב איז דאס אז די תורה איז 'גאנץ'? לכאורה, אזוי גרויס ווי דער אייבערשטער האט געוואלט די תורה זאל זיין, גענוי אזוי 'גרויס' און 'גאנץ' איז זי - וואס איז שייך 'האלב'?! נאר וואס דען? - זאגט רבי נתן: דער עיקר **גאנצקייט** פון די תורה איז, אז עס איז נישט פארהאן קיין שום ריס אדער שפאלט אז א מענטש זאל זיך קענען ארויסדרייען פון די תורה, מיט די אויסרייד: "די תורה איז צו **הויעך** פאר מיר! איך קען נישט פארשטיין קיין לערנען"! אדער, "איך בין שוין צו **נידריג!** פאר מיר איז די תורה נישט געמאכט געווארן! איך האב צו א שוואכע קאפ..." (א.ד.ג.).

אויב וואלט געווען אזא מציאות אז א מענטש וואלט נישט געהאט מער קיין מקום אין די תורה, קומט אויס, עס וואלט געפעלט פון די **תמימות** און **שלימות** פון די תורה! דערפאר זאגט דוד המלך: "תורת ה' תמימה" - די תורה איז אזוי **גאנץ**, אז זי פארמאגט נישט קיין שום לעכל פון וואו איינער זאל קענען ארויספאלן! זי איז געאייגנט פאר יעדעם איינעם גלייך! מיר דארפן נאר צוגיין דערצו מיט די ריכטיגע צוגאנג, דאן ווען מיר אלע זוכה זיין צו א פולקאמע 'קבלת התורה' אין אלע הינזיכטן!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

## תורה, די קוואל פון פרנסה

מאטל און העניך זענען געווען צוויי געשוואוירענע פריינד. זיי זענען אויפגעוואקסן אינאיינעם פון וויגל ארויס, געלערנט אינאיינעם ביי ר' משה דער מלמד פון דארף, און דאן שפעטער פארגעזעצט אינאיינעם אין ישיבה אין א דערנעבענדיגן שטעטל. די צוויי זענען געווען ערליכע בחורים וועלכע האבן געדינט דעם אייבערשטן מיט א געטריישאפט, און אינאיינעם האבן זיי געהארעוועט איבער די הוויות דאביי ורבא און קאמפליצירטע סוגיות אין ש"ס.

אין א גוטע שעה, זענען ביידע פון זיי חתנים געווארן צום זעלבן שטאט, ווי זיי האבן ווייטער פארגעזעצט מיט זייער פריינדשאפט, וועלכער האט זיך הויפטזעכטליך ארויסגעשטעלט אינעם פאקט אז ביידע פון זיי זענען געזעצן טאג און נאכט אינעם שטאטישן בית המדרש, ווי זיי האבן דורכגעאקערט טיפזיניגע סברות אין די שווערסטע סוגיות, אריינברענגענדיג א ליכטיגקייט אינעם גאנצן שטאט.

איין טאג, האט מאטל - וועלכער האט געקענט זיין חבר העניך דורכזיכטיגערהייט - באמערקט אז עפעס איז נישט גלאטיג מיט זיין אלטן געטרייען חבר. מאטל האט געקענט זיין חבר העניך אלס איינער וואס איז מקפיד על קלה כבחמורה, אבער דא דארט האט ער לעצטנס אנגעהויבן באמערקן אז זאכן האבן זיך געטוישט. העניך קען שוין 'פארגעסן' א נטילת ידים פארן עסן, היינט-צו-טאגס ערלויבט ער זיך שוין צו גיין צו אזעלכע ערטער ווי מען שעפט נישט קיין עקסטערע הויפנס יראת שמים...

נאך א אנגייענדע תקופה וואס העניך האט ליידער ממשיך געווען צו גיין בארג אראפ, האט מאטל באשלאסן אז ער קען מער נישט אנגיין מיט זיין פריינדשאפט מיט העניך וועלכער איז שוין נישט אינעם זעלבן גאטונג אין אידישקייט ווי אים, מורא האבענדיג אז דאס וועט אים גאר אראפשלעפן, די הויכפונקט איז געווען; אים כאפנדיג איינמאל ביים עובר זיין אויף א הארבע עבירה.

יארן זענען אריבער, די צוויי האבן זיך נישט געזעהן פאר יארן לאנג. מאטל האט ממשיך געווען שטייגנדיג אין עבודת השם מיט שטארקייט, אין טראצדעם וואס ער האט געדארפט ארויסגיין ארבעטן האט ער אבער שטענדיג געדענקט דעם אייבערשטן און זיך אפגעהיטן מיט א יעדע איינציגסטע דקדוק הלכה.

מאטל האט זיך שטארק געמוטשעט מיט פרנסה, נישט קענענדיג קלעקטן פאר די מינימאלסטע אויסגאבן וועלכע האט זיך אויסגעפעהלט אויפצוהאלטן זיין שטוב. און דאן האט ער זיך דערמאנט פון זיין אלטער חבר העניך...

העניך האט זיך שוין פון לאנג אריבערגעצויגן צום גרויסן הויפט שטאט, ווי ער האט פארוויילט אין גרויס שוואוילטאג, ווערענדיג א מולטי-מיליאנער.

פאר מאטל האט דאס שטארק געבאדערט, ער האט דאך יא געוואוסט דעם ריינעם אמת ווי ווייט העניך איז פארקראכן פונעם אייבערשטן, און האט זיך שטענדיג ארומגעדרייט מיט א שווארצער וואלקן אויפן געזיכט, "פארוואס העניך, אויף וועמען איך האב קלאר געזען זיין נישט ערליכע אויפפירונג, דאך פארמאגט ער אזא גרויסער רייכטום, און איך וואס איך בין ערליך און געטריי צום תורה הקדושה לעב מיט אזא ארעמקייט?", האט אים געעגבערט דאס געוויסן.

איין נאכט, ווען מאטל האט זיך געלייגט שלאפן האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום אייבערשטן, און געבעטן פון טיפעניש פון הארצן, אז דער רבוש"ע זאל אים אויפלייכטן די אורזאך פארוואס ער מוטשעט זיך אזוי אויף יעדע טריט און שריט, אין די צייט וואס זיין געוועזענער חבר העניך, לעבט אין אזא רייכטום.

מאטל'ס אויגן האבן זיך צוגעמאכט, ער איז איינגעשלאפן אין א טיפע שלאף.

פלוצלינג זעהט ער זיך אויף א העכערע וועלט, א וועלט וועלכע געהערט נישט צו אונזערע ספערן. ער זעהט זיך שטיין ארומגענומען מיט מלאכים און שרפים. מאטל שפירט זיך פארלוירן, ער איז אין זיין לעבן נישט געווען אויף דעם פלאץ...

די קלאנג פון געלטער הערט זיך אין זיינע אויערן פון א זייטיגן צימער, ער שפאצירט אריין מיט אומזיכערע טריט, און באגעגנט צענדליגע מלאכים וועלכע שטייען איבער הויפענעס פון געלט און זענען עס מסדר אין ריזיגע זעק.

"וועמענס געלט איז דאס", הערט זיך מאטל זיי פרעגן אין טיפן חלום.

"אה, דאס געהערט צום גרויסן גביר העניך".

"העניך?" שטייט מאטל א פארוואונדערטער. ער קען זיך מער נישט איינהאלטן און ער רופט זיך אן מיט פארדרוס: "וואו איז דאס יושר, אז איך וואס איך בין ערליך און געטריי צום רבון כל עולמים מוטשע זיך אויף טאג טעגליכע ברויט און מילך, אין די צייט וואס העניך, וועמען איך האב קלאר געזען זיינע געמיינע מעשים - פארמאגט אזא גרויסע עשירות? איז דאס דער "עולם האמת"?".

די פערזאנען האבן זיך בכלל נישט דערשראקן פון זיינע רייד, נאר מיט זיכערקייט אים געזאגט:

געוויס איז דא אן אמת'ער עולם האמת, ווי אלעס ווערט געפירט מיט א גענויע חשבון, און מיר וועלן דיר עס ערקלערן:

אמת טאקע, אז העניך איז פארגאנגען אזעלכע הארבע זינד. אבער פון ווען ענק האבן זיך אפגעשיידט איינער פונעם צווייטן, האט העניך איין זאך שטענדיג אנגעהאלטן מיט א עקשנות'דיגער פעסטקייט: "קביעות עתים לתורה"! אין זיינע שוואכסטע צייטן האט ער זיכער געמאכט, עס זאל נישט דורכגיין א טאג אן לימוד התורה. ווידער דו, מאטל, זינט דו ביסט ארויס ארבעטן 'על המחיה ועל הכלכלה' האסטו גענצליך נאכגעלאזט פון דיינע באשטימטע שיעורים. דעריבער האט העניך זוכה געווען צו אזא געוואלדיגע עשירות, ווי חז"ל זאגן אונז (סוטה כא.) אז "עֲבֵרָה מְכַבָּה מִצְוָה, וְאֵין עֲבֵרָה מְכַבָּה תּוֹרָה"!

ווען דער רבי האט פארענדיגט די געשיכטע, וועלנדיג ארויסברענגען דער געוואלדיגע כח פון 'זיך קובע זיין עתים לתורה'. האט ער אויסגעפירט מיט דעם רמז: אז "וְאֵין עֲבֵרָה מְכַבָּה תּוֹרָה" איז ראשי תיבות "מעות", דאס הייסט; דורך די כח פון תורה קען א מענטש זוכה זיין צו אזא שפע פון עשירות, וואס קען אויף קיין פאל נישט פארלאשן ווערן!


## ואלו יעמדו על הברכה

המחותנים
מוה"ר **אברהם דוד שווארץ** הי"ו
ומוה"ר **מנחם דוד לאנדא** הי"ו
ובנו/חתנו ר' **אלחנן שלמה זלמן** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרמו 1,500 גליונות**
לרגל הולדת נכדתם/בתו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבם לטובה

מוה"ר **דוד שווארץ** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **נפתלי שווארץ** הי"ו
בארא פארק
**שתרם 500 גליונות**
לרגל אירוסי בתו
ולהולדת נכתו אצל בנו
מוהר"ר **דוד** נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **זושא רויטנבורג** הי"ו
מאנסי
**שתרם 500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יואל אדלער** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל תגלחת בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **חיים הערש שטיינבערג** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לרגל אירוסי בנו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יואל פאלקאוויטש** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הכנסת בנו
**חיים יקותיאל** לעותו"מ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **שמעון ישראל וואלטער** הי"ו
וויליאמסבורג
**שתרם 500 גליונות**
לעילוי נשמת אביו הרב **אברהם שרגא**
בן הרב **יעקב מרדכי** אב"ד נירעדהאז
היארצייט יום א' דיו"ט שבועות